**גוט שבת אלע אידן.** די פאלגענדע מורא'דיגע מעשה איז דערציילט געווארן דורך ר' יצחק אייזיק קלינגבערג, דער זון פון דעם זאלישעטצען רבי ר' שם קלינגבערג ז"ל. ווען די דייטשע ימ"ש זענען אריינגעקומען אין קראקא, האבן זיי גענומען ר' יצחק אייזיק'ס דירה פאר זייערע אפיסעס. עס איז אינטערעסאנט אז די דייטשע האבן געלאזט ר' יצחק אייזיק בלייבן וואוינען אין דעם אריינגאנג פון דער דירה. פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גרויסע סכנה צו לעבן אינטער דעם זעלבן דאך מיט די רשעים. אבער, ר' יצחק אייזיק האט נישט געהאט קיין טענות, ווייל פאר אסאך אידן איז דער מצב געווען אסאך ערגער, ה' ירחם.

איין טאג איז ר' יצחק אייזיק פלוצלינג אויפגעוועקט געווארן אינמיטן די נאכט דורך דעם שרייען פון א דייטשען סאלדאט. "דזשידו!" האט דער סאלדאט געזאגט, "גיי יעצט אריין אין דעם אפיס, דער קומאנדאנט, וויל רעדן מיט דיר!"

ר' יצחק אייזיק האט זיך געאיילט צו גייען צום אפיס. דער קומאנדאנט איז געווען מוראדיג פארשיכרט, און ער האט קוים געקענט זיצן אויף זיין זיצפלאץ. ווען ר' יצחק אייזיק איז אריינגעקומען, האט דער רשעותדיגער דייטשער קומאנדאנט ארויסגענומען זיין רעוואלווער און ער האט עס געלייגט אויפן טיש. "דו זעסט דעם רעוואלווער?" האט דער קומאנדאנט געשריגן אויף ר' יצחק אייזיק. "איך גיי דיך פרעגן א פראגע. טאמער דו גייסט נישט ענטפערן דעם אמת, גיי איך דיך הרגענען!"

ר' יצחק אייזיק האט שנעל געדאווענט אז דער אייבערשטער זאל ראטעווען זיין לעבן. "וואס איז דאס רעמא?" האט דער קומאנדאנט געפרעגט.

ר' יצחק אייזיק איז געבליבן שטיל. וואס פאר א פראגע איז דאס געווען? פארוואס האט דער דייטשער קומאנדאנט געוואלט וויסן ועמען דעם הייליגען רמ"א איז געווען? דער רמ"א, אזוי ווי עס איז גוט באוואוסט, האט געמאכט הגהות אויפן שלחן ערוך וואס זענען שייך צו דעם אשכנזישען וועלט. מען דערציילט אז דער רמ"א האט געוואלט אליינס שרייבן א גאנצען "שלחן ערוך" אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטן עס צו טון פון זיין גרויס עניוות, ווען ער האט געהערט אז ר' יוסף קארו זי"ע האט עס שוין אנגעהויבן...

דער קומאנדאנט איז פלוצלינג אויפגעשטאנען פון זיין פלאץ און געשריגן, "מען האט געהייסן אז מיר זאלן חרוב מאכן דעם גאנצען בית החיים דא אין קראקא! אבער יעצט האבן זיי אונז געשיקט א טעלעגראם, זאגענדיק אז מען זאל נישט אנרירן סיי נישט דעם רמ"אס שול און סיי נישט דעם רמ"אס קבר!"

ר' יצחק אייזיק איז געווארן איבעראשט צו הערן די ווערטער פונעם רשע. איז עס טאקע געווען אמת? האט ער געטראכט.

"וואס אז דאס רעמא?" האט דער קומאנדאנט געפרעגט נאכאמאל מיט א שיכורקייט אין זיין שטימע.

וואו זאל ער אנהייבן צו מסביר זיין פאר א גוי, נאך מער פאר א רשע, ווער דער הייליגער רמ"א זי"ע איז געווען? איידער ר' יצחק אייזיק האט געקענט ענטפערן, האט דער קומאנדאנט געחלשט און איז אראפגעפאלן. דאן איז ר' יצחק אייזיק שנעל אנטלאפן פונעם אפיס.

די צווייטע מעשה וועגן דעם רמ"א וואס מען גייט יעצט דערציילן איז דערציילט געווארן דורך ר' אברהם בראנדוויין, דער איידעם פון ר' שמעון שפירא. ר' שמעון איז געווען א שוועסטערקינד פון ר' יצחק אייזיק.

א שטיק צייט נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז ר' שמעון שפירא צוריקגעגאנגען קיין קראקא וואו ער האט געוואוינט פאר די מלחמה. יעצט האט די שטאט אויסגעקוקט גאר שטארק אנדערש. וואו זענען געווען די עטליכע 60,000 אידן וואס האבן געוואוינט דארט פאר די מלחמה?!? ה' ינקום דמם!

ר' שמעון איז געווען איינער פון די בערך 2,000 אידן פון קראקא וואס זענען איבערגעבליבן נאך די מלחמה. בשעת ר' שמעון איז ארומגעגאנגען אויפ'ן גאס אין קראקא איז געקומען צו אים דריי מענטשן וואס האבן געפרעגט אויב ער ווייסט וואו דער קבר פון דעם רמ"א איז.

ר' שמעון איז געווארן ערשטוינט צו הערן דעם הייליגען נאמען פונעם רמ"א זי"ע אויף די ליפן פון אפאר ערלים. "פארוואס ווילט איר גיין דארט?" האט ר' שמעון געפרעגט.

"איך פארשטיי גאנץ גוט פארוואס דו פרעגסט אונז אזוי," האט איינער פון די דריי מענטשן געזאגט. "כאטש אז מיר זען אויס ווי גוים, זענען מיר גראדע אידיש. מיר זענען געווען גאר יונג ווען די דייטשע האבן גענומען קאנטראל איבער קראקא, און זיי האבן אונז געצוואונגען צו ארבעטן פאר זיי. אונזער ארבעט איז געווען צו אראפקלאפן אלע מצבות אין די בית החיים." דאן האט דער איד געזאגט ווייטער שטילעהייט, "ווען מיר זענען אנגעקומען צו דעם רמ"אס מצבה, גרייטנדיק עס אראפצוקלאפן, האבן די סירענער אנגעהויבן צו קלינגען, און מען האט געדארפט לויפן צו דעם באנקער. (אין מלחמה צייטן, מען זאל נישט וויסן, עס זענען ריזיגע סירענער וואס קלינגען כדי צו אנווארענען אז עס קומט פליגער וואס גיין באמבארדירען דעם געגענט.) ווען זיי האבן אונז געלאזט ארויסקומען פונעם באנקער זענען מיר צוריקגעגאנגען צו דעם מצבה פונעם רמ"א צו פרובירן נאכאמאל עס חרוב צו מאכן, און דאן, הפלא ופלא, איז דער זעלבע זאך געשען! יעדעס מאל וואס מיר זענען צוריקגעגאנגען צו דעם מצבה האבן די סירענער זיך אנגעהויבן צו קלינגען, און מיר האבן געדארפט אנטלויפן. סוף כל סוף האבן מיר זיך מייאש געווען און מיר האבן עס נישט מער פרובירט. אבער מיר האבן יא מצליח געווען אראפצוהאקן א קליינעם שטיקל פון דעם מצבה. יעצט ווילן מיר גיין צו דעם ציון כדי אים איבערצובעטן."

טרערן זענען געפלאסן פון ר' שמעונס אויגען... דריי פרייע אידן וואס האבן איבערגעלעבט די מלחמה האבן געהאט אזא הרהור תשובה! ר' שמעון האט געוויזן מיט זיין האנט אז זיי זאלן קומען מיט אים און ער וועט זיי ווייזן וואו דער רמ"א ליגט. ווען זיי זענען אנגעקומען צו דעם באקאנטן רמ"אס שול, וואס דער טאטע פונעם רמ"א האט געבויט, האט ר' שמעון דערציילט פאר די דריי אידן אז פאר די מלחמה זענען געקומען יעדן ל"ג בעומר א גרויסער עולם צו דאווענען אין די שול אין דעם רמ"אס יארצייט. ליידער זענען די אלע אידן מסתמא נעלם געווארן...

א שטיק צייט שפעטער זענען ר' שמעון מיט די דריי חברה געשטאנען קעגן דעם רמ"אס ציון. די דריי האבן איבערגעבעטן דעם רמ"א און זיי האבן צוגעזאגט אז זיי גיין תשובה טון. ר' שמעון איז מוראדיג נתפעל געווען צו זענען דעם כח פון דעם הייליגן רמ"א זי"ע עטליכע 373 יאר נאך זיין הסתלקות.

אן ענליכע מעשה איז געשען מיט דעם אור החיים הקדוש'ס ציון אויפ'ן הר הזיתים. צווישן תש"ח און תשכ"ז האבן די אראבער ימ"ש עטליכע מאל פרובירט צו חרוב מאכן דעם אור החיים הק'ס מצבה, אבער זיי האבן נישט מצליח געווען. אפאר אראבער זענען אפילו געהרגט געווארן ווען דעם באלדאזער וואס זיי האבן געפירט האט זיך, ב"ה, איבערגעדרייט אויף זיי.

אפילו אז אונז זענען פארטריבן און געפייניגט און גערודפט געווארן דורך אלע גוים און דורך אלע דורות, איז דער אידיש פאלק נאכאלץ דא חי וקיים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "ואף גם זאת בהיותם בארץ איביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלתם להפר בריתי אתם כי אני ה' אלקיהם." (ויקרא כו,מד) ד"ה אפילו ווען אידן גיין אין די טינקעלסטע גלות, וועט דער אייבערשטער קיינמאל נישט ווערן פארעקלט פון אונז און ער וועט אונז קיינמאל נישט פארלאזן. מען קען דאס אפלערנען פון די שרעקליכע מלחמה יארן. אפילו אזוי סאך אידן און אידישע קהילות זענען נעבאך אוועקגענומען געווארן, זענען דא היינט מיליאנען אידן וואס לערנען תורה און טון מצוות ב"ה. אבער די דייטשע רשעים און זייער שותפים ימ"ש זענען היינט אפאר בלעטער אין די היסטארישע ביכער.

די ענין איז אפשר מרומז אין די היינטיגע פרשה, אזוי ווי בלעם דער רשע זאגט "...ויאמר ראשית גוים עמלק ואחריתו עדי אבד." (במדבר כד,כ) "ראשית גוים עמלק" מיינט דער די דייטשע – "ואחריתו עדי אבד," ד"ה זייער ענד איז צו ווערן חרוב געמאכט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע גוים זאלן א האבן מפלה און זאלן קיינמאל נישט אויפשטייען קעגן אונז. דורך דעם וועט מקוים ווערן די ווערטער פון פסוק, "הן עם לבדד ישכן ובגוים לא יתחשב," ד"ה מיר זענען דער אייבערשטערס באזונדערער פאלק. **גוט שבת אלע אידן.**

### מזל טוב למוה"ר זלמן גאלד הי"ו לרגל שמחת לידת נכדתו, בת לבנו מוה"ר יהושע הי"ו

לע"נ ר' יצחק בן ר' משה יהודא ע"ה

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**

**מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."**